**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/25/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מוטיגט אינטערעסירטע ניו יארקער צו אפלייען פאר 2024 עמפייער סטעיט פעלאָוס שטייענדיג בעפאר אפליקאציע טערמין**

***אפליקאציע תקופה ענדיגט זיך אפריל 1; אפלייט דא***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמוטיגט ניו יארקער וואס זענען אינטערעסירט זיך צו באטייליגן אין דעם 2024 עמפייער סטעיט פעלאָוס פראגראם (Empire State Fellows Program) צו אפלייען בעפאר די אפריל 1 טערמין. די הויכגעשפריצטע פראגראם ציהט צו אויסערגעווענטליכע און פארשידנארטיגע טאלאנטפולע סטודענטן פון ניו יארק סטעיט און פון אריבער דעם לאנד צו דינען אין הויך-ראנגיגע שטעלעס אין די אדמיניסטראציע. סטזינט דער פראגראם האט זיך געעפנט 12 יאר צוריק, האבן גראדואירטע סטודענטן פון דעם עמפייער סטעיט פעלאָוס פראגראם פארגעזעצט צו באקומען הויכראנגיגע פאסטנס, אריינרעכנענדיג דעפיוטי קאמישאנער, דעפיוטי סעקרעטאר און טשיעף אָוו סטעף פאסטנס אריבער סטעיט אגענטורן.

"דער עמפייער סטעיט פעלאָוס פראגראם האט געברענגט טייל פון ניו יארק'ס מערסטע אויסערגעווענטליכע טאלאנטן צו ציבור'ישע ארבעט, דינענדיג אלס אן אנהויבנדע שטיצע פאר מענטשן צו בויען קאריערעס וואו זיי קענען האבן א השפעה", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "יעדער וואס האט א געפיהל איבערן האבן א פאזיטיווע השפעה אין אונזער געוואלדיגע סטעיט זאל אפלייען."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ציווילע סערוויס (Department of Civil Service) קאמישאנער, טימאטי ר. האָגס, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט זוכט די בעסטע און קלוגסטע צו פארזעצן די נאבעלע און סיפוק'דיגע וועג פון ציבור'ישע ארבעט. אונטער גאווערנער האקול'ס אנפירונג, באנעמען זיך סטעיט אגענטורן מיט די שווערינקייטן פון די היינטיגע יארן מיטן פולן קראפט, און יעצט איז א געוואלדיגע צייט צו אנהויבן אייער וועג אלס א צוקונפטיגער פירער. מיר זוכן פלייסיגע ארבייטער און שעפערישע דענקער וועלכע וועלן אינספירירט ווערן פון דאס זיך איינשאפן ווערטפולע ערפארונג אריבער די העכסטע שטאפלען פון סטעיט רעגירונג אגענטורן בשעת'ן לערנען פון די פילע פארשידענע געזיכטן, שטימעס, הונטערגרונטן, געדאנקען און קאמיוניטיס וועם מיר דינען אין די עמפייער סטעיט."

דער עמפייער סטיעט פעלאָוס פראגראם איז א פול-טיים פירערשאפט טרענירונג פראגראם וואס גרייט צו די קומענדיגע דור פון טאלאנטפולע פראפעסיאנאלן פאר קאריערעס אלץ ניו יארק סטעיט פאליסי שרייבער. די אריינקומענדע קלאס פון עמפייער סטעיט פעלאָוס וועט דינען פון סעפטעמבער 12, און זיי וועלן באקומען א יערליכע געהאלט פון $85,000 אין צוגאב צו א ברייטהארציגע רייע פון בענעפיטן. ביים ענדע פון דעם פעלאָושיפ פראגראם וועט דער פראגראם אידענטיפיצירן די עמפייער סטעיט פעלאָוס מיט הויכע עררייכונגען און זיי וועלן געגעבן ווערן די געלעגנהייט צו פארזעצן צו דינען אלס פירער אין ניו יארק סטעיט רעגירונג נאכן פארענדיגן דעם פראגראם.

דאס זיין פארמישט אין די ארבעט פון די ניו יארק סטעיט רעגירונג איז די צענטראלע זאך פון דעם עמפייער סטעיט פעלאָוס פראגראם. די גאווערנער'ס אפיס וועט באשטימען געציילטע יעדע עמפייער סטעיט פעלאָו צו ארבעטן דירעקט מיט א קאמישאנער, דעפּיוטי קאמישאנער אדער אנדערע הויכראנגיגע בעאמטע אין א סטעיט אגענטור אדער אויטאריטעט אדער אין די עקזעקיוטיוו טשעימבער. ארבעט אויפגאבן שטעלן צו פאר פעלאָוס איינציגארטיגע ערפארונג ארבעטנדיג צוזאמען מיט הויכראנגיגע בעאמטע און אנטייל נעמען אין די פאליסי מאכונג פראצעדור.

אין די צייט ווען זיי וועלן נעמען א חלק אין די ארבעט פון די סטעיט רעגירונג וועלן עמפייער פעלאָוס זיך באטייליגן אין חינוך'דיגע און פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג פראגראמען וועלכע וועלן זיי העלפן דינען אלס ווירקזאמע און ארנטליכע רעגירונג פירער. די חינוך'דיגע באשטאנדטייל פון דעם עמפייער סטעיט פעלאָוס פראגראם הויבט זיך אן מיט אן אריענטאציע קלאס אין סעפטעמבער. די חינוך'דיגע קלאסן וועלן נאכפאלגן יעדע האלבע חודש. אין דעם זעלבן צייט וועלן פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג אקטיוויטעטן, אריינרעכענענדיג א מענטארינג פראגראם און רעגלמעסיגע באגעגענישן מיט קאבינעט מיטגלידער און אנדערע רעגירונג פירער פארשטערקערן עמפייער פעלאָוס'ס מיטארבעט מיט פאליסי שרייבער.

אפליקאציעס האבן זיך געעפנט אום יאנואר 5, און זיי וועלן אנגענומען ווערן ביז אפריל 1. מער אינפארמאציע איבער דעם פראגראם און אנווייזונגען וויאזוי צו אפלייען זענען פארעפנטליכט [דא](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן